# פרשת ראה י"ט - כ"ה אב תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת ראה***

אחר תפלת מנחה השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא, עב"ג בן הרב **אברהם שלמה כ"ץ** שליט"א, שהתקיים בראלי האטעל.

*

***יום שני פרשת ראה***

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגה"צ רבי משה מנחם ווייס שליט"א** אב"ד סאטמאר לאנדאן לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

*

***יום שלישי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק אייזיק גרינוואלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לכבוד השמחה, ולרגל יומא דהילולא של **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע**.

במעמד נערך גם סיום מסכת שבת שנלמד על ידי הרב **יוחנן טווערסקי** שליט"א (משגיח בישיבתנו הק'), והבחור בנש"ק **יחזקאל שרגא כ"ץ** ני"ו (נכד רבינו שליט"א), שנתכבד באמירת הסיום וההדרן. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דיבורים קצרים לכבוד ההילולא.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז היינט דעם **בעלזער רב'ס** יארצייט זכותו יגן עלינו. מען האט געמאכט א סיום אויף מסכת שבת, דער בעלזער רב האט נישט געקענט ארויסזאגען אויף א יוד אז ער האט געטון א עבירה. א מחלל שבת האט ער גערופן אז ער איז א שוכח עיקר שבת.

**עס** שטייט פונעם **אך פרי תבואה**, אז די מילדות העבריות איז געווען שם האחת שפרה, ושם השנית פועה (שמות א-טו). האט ער געזאגט, אז די צדיקים ווערן אנגערופן די מילדות פון כלל ישראל. און עס איז דא אזעלכע וואס זייער עבודה איז שפרה, משפר צו זיין אלעס, זאגען אז כלל ישראל איז גוט, און זוכען מליצות אויף יודען. און נאכדעם איז דא פועה, לשון צעקה, אזעלכע צדיקים וואס שרייען, און זיי זענען מעורר שטענדיג. עס איז צוויי ערליי עבודות. דער בעלזער רב איז געווען א שפרה, ער האט אלץ משפר געווען יודען.

**מען** זעהט אז יעדער מלך האט צוויי ערליי באדינערס. עס איז דא די פאליציי וואס דארפן היטן, און נאכדעם איז דא די בדחנא דמלכא, פרייליך צו מאכען דעם מלך. דער בעלזער רב איז געווען אזא בדחנא דמלכא, זיין עבודה איז געווען, נאר צו זוכען מליצות אויף יודען.

**תשעה** באב האב איך געזאגט פאר די בחורים, מען זעהט אין די גמרא (גיטין נו.) אז ווען רבי יוחנן בן זכאי איז ארויסגעגאנגען פארהאנדלען מיט אספסיינוס, האט ער געבעטן דריי זאכען, יבנה וחכמיה, שושילתא דרבן גמליאל, און א רופא פאר רבי צדוק. רבי יוחנן בן זכאי האט געזעהן אז עס איז שוין דערנאך, עס גייט דא זיין א חורבן, און מען דארף זיך שוין צוגרייטען אויפצושטעלן דעם קומענדיגען דור נאכען חורבן. מען דארף האבען קודם יבנה וחכמיה, אן יבנה וחכמיה וועט מען נישט קענען אויפשטעלן יודישקייט שפעטער. נאכדעם דארף מען האבען נשיאים, נשיאים איז דאך פון בית דוד, דארף איבערבלייבען שושילתא דרבן גמליאל. און ער דארף אויך האבן א דאקטער פאר רבי צדוק. רבי צדוק איז דאך נאר איין יוד, עס זענען געווען אין ארץ ישראל נאך טויזנטער יודען און צדיקים, און ער דארף א דאקטער פאר דעם קראנקען רבי צדוק.

**נאר** מען דארף איבערלאזען פארן דור שפעטער א רבי צדוק, אז מען זאל זעהן ווי אזוי א יוד האט אמאל אויסגעקוקט, אז ער האט געפאסט פערציג יאר אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. אויפצושטעלן א נייעם דור, מוז מען האבען א בילד פאר זיך, א רבי צדוק. - דער בעלזער רב איז געווען אזא בילד, נאך פון די פריערדיגע, מען האט אים איבערגעלאזט פארן דור, אז מען זאל זעהן ווי אזוי מען האט אמאל אויסגעקוקט. רוב צדיקים וואס מיר האבן געקענט, האבן געקענט עולם הזה, און זיי האבען זיך געפירט ערליך. דער בעלזער רב איז געווען אינגאנצן אויסגעטון פון דעם עולם. נישט

קיין עסן, נישט קיין טרינקען, נישט קיין שלאפן. מען זאל פראבירן אפילו נאר צוויי שעה צו זיצען אזוי אויף א בענקל, איינגעבויגען אויפן בענקל, און נישט זיצן אנגעלאנט, און ער איז אזוי געזעסן יארן. **זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה יעקב קליין** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם.

כמו כן התקיים הברית של הר"ר **חיים יהודא פריעד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון מעשר. עשר תעשר את כל תבואת זרעך היוצא השדה שנה שנה (דברים יד-כב), מען דארף מעשר'ן תבואה וואס וואקסט אין דיין פעלד. פון וואס דער אייבערשטער גיט, דארף מען אוועקגעבן א חלק דערפון פארן אייבערשטען. כמדומה אז עס איז דא א מדרש (עיין דב"ר ג-ה) אז דא איז מרומז מצות מילה. ווען מען מל'ט א קינד, נעמט מען אוועק א חלק פונעם מענטש, וואס דאס איז מעשר פונעם קינד, פארן אייבערשטען. עשר תעשר את כל תבואת 'זרעך', אפילו ביי דיינע קינדער איז אויך דא א ענין פון עשר תעשר, וואס מען גיט מעשר.

**אין שלחן ערוך** (יו"ד רסה-יא) שטייט אויף סנדקאות אז מען זאל נישט געבן פאר איין מענטש צוויי מאל, ווייל דער סנדק איז דומה כמקטיר קטורת, און ביי קטורת האט מען אלץ אויסגערופן חדשים לקטורת בואו והפיסו (יומא כו.), מען האט נישט איבערגעגעבן פאר איין כהן צוויי מאל מקטיר צו זיין קטורת, וועגן דעם איז מען אויך נישט מכבד צוויי מאל מיט סנדקאות. דער סנדק איז דער מזבח, אויף זיין פוס לייגט מען ארויף דאס קינד, איז ער דער מזבח, וואס אויף די מזבח איז מען מקטיר די קטורת, האט ער די חשיבות אז עס ברענגט עשירות, וואס קטורת איז מעשיר, ישימו קטורה באפיך וכליל על מזבחך, ברך ה' חילו (דברים לג-י). איז דאך א כל שכן דער טאטע, וואס ער איז מקטיר די קטורת. ער נעמט דאך דאס קינד, וואס דאס איז דער קטורת אליין, און ער לייגט עס ארויף אויף די פוס פונעם סנדק. דער סנדק איז דאך נאר דער מזבח, דער האלטער דערפון. און אז מקטיר זיין קטורת האט א סגולה פון עשירות, איז דאך דער וואס גיט די קטורת אוודאי מעשיר. און עס דארף זיין, אז דער מוהל וואס מל'ט, איז ער דאך דער מקטיר די קטורת, חדשים לקטורת בואו והפיסו איז דאך געוועןאויף דעם וואס האט געטון די עבודה. ער האט גענומען און אנגעצינדען די קטורת אויף די מזבח. און אז מען זאגט אז דער סנדק ווערט גערעכנט אזוי ווי קטורת, איז דאך דא עפעס א געוויסע חלק קטורת סיי אויפן מוהל, און סיי אויפן טאטע פונעם קינד.ביידע זענען א חלק פונעם ברית. עס שטייט טאקע נישט אז מען טאר נישט מכבד זיין צוויי מאל דעם זעלבן מוהל, איז דאך א סימן אז עס איז נישט ממש דומה צו קטורת, וואס ביי א סנדק שטייט אז מען זאל יא מקפיד זיין דערויף. אבער על כל פנים א מסייע איז ער אוודאי. קומט אויס אז ווען דער טאטע ברענגט אריין זיין זון בבריתו של אברהם אבינו, האט ער א שייכות מיט מקטיר זיין קטורת. און מקטיר זיין קטורת, ברענגט עשירות, ברך ה' חילו.

**עשר** תעשר, דרשנ'ט די גמרא (שבת קיט.), אז וועגן דעם שטייט א דאפעלטע לשון, עשר בשביל שתתעשר, געב מעשר כדי דורכדעם זאלסטו נתעשר ווערן. ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם את ארובות השמים, והריקותי לכם ברכה עד בלי די (מלאכי ג-י). עשר תעשר את כל תבואת זרעך, ווען א מענטש ברענגט אריין זיין קינד, זיין זרעך, בבריתו של אברהם אבינו, וואס דאס איז אויך א חלק וואס ער גיט אוועק מעשר, א חלק פון זיין קינד, גיט ער אוועק פארן אייבערשטען, האט עס אין זיך די ברכה פון עשר תעשר, עשר בשביל שתתעשר.

**עס** איז היינט די יארצייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, דער בעלזער רב פלעגט אלץ צו זאגען, אז אין די אמאליגע צייטן האט מען געהאלטן אז נסיון העושר איז א שווערערע נסיון פון נסיון העוני. רוב יודען האבן געהאט נסיון העוני, מען האט קוים געהאט וואס צו עסן. און ווען איינער האט יא געהאט, איז געווען וישמן ישורון ויבעט (דברים לב-טו), איז די נסיון פון עשירות געווען א שווערערע נסיון פון

נסיון העוני. פלעגט ער אלץ צו זאגען, אז היינטיגע צייטן איז פארקערט, היינטיגע צייטען איז נסיון העוני א שווערערע נסיון פון נסיון העושר, יודען דארפן האבן עשירות, יודען דארפן האבן געלט צו קענען מגדל זיין די קינדער אין א רואיגע שטוב. די קינדער בלייבען אין שטוב ווען מען האט, און אז מען האט נישט, קלאפט עס אויס אויף אלעם.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, ער זאל משפיע זיין פון גנזי מרומים פאר אונז אלע עשירות מיט א הרחבה וואס מען דארף צו האבען. די עלטערן זאלן קענען מגדל זיין אלע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבה. און מיר זאלען אלע אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מניקלשבורג שליט"א**, ואחיו הר"ר **נפתלי** והר"ר **ברוך מרדכי לעבאוויטש** שליט"א, שישבו שבעה על פטירת אחיהם הר"ר **אליעזר דוד לעבאוויטש** ע"ה.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ברוך לעווינגער** הי"ו, שהתקיים בשכונת בו"ש גארדנ"ס. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש פרשת ראה***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש, שהתקיימה בשילוב עם סיום מסכת שבת שנלמדה על ידי חבורה של תלמידי הישיבה גדולה (בשעות הפנויים בין הסדרים). **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (מגי"ש החבורה) אמר הסיום, ונשא מדברותיו בכבוד הלומדים החשובים. אחר כך חילק **רבינו שליט"א** מתנה לכל המסיימים.

**רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** (מתוך הספר שיח זקנים ח"י). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **חיים יהודה פאללאק** שליט"א רב דקהל איגוד אברכים ד'גרויסווארדיין (סטעטן איילאנד, בן הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א).

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**היינט** נאכט איז די יארצייט פונעם הייליגען **סאטמארער רבי זי"ע**. עס איז שוין איבער פערציג יאר פון ווען ער איז נסתלק געווארן. נאך דעם גרויסן חורבן וואס איז געווען, האט דער אייבערשטער אפגעהיטן אז עס זאל בלייבן א טייל צדיקים פונעם פריערדיגען דור, אז מען זאל קענען שפעטער אויפשטעלן צוריק דעם כלל ישראל. אויף אמעריקא האט ער איבערגעלאזט דעם סאטמארער רב זי"ע, וואס ער האט ממש מעמיד געווען הדת על תילה. דאס וואס אמעריקא זעהט היינט אזוי אויס, ביי אונזער עולם, איז צו פארדאנקען נאר פאר אים, וואס ער האט צוריק אויפגעבויט יודישקייט און ערליכקייט, וואס ער האט געפאדערט שטענדיג. זיין גדלות אין תורה, זיין צדקות, זיין עבודת ה', זיין דאווענען, זיין צדקה וחסד, וואס אין יעדע נקודה איז ער געווען א אויסנאם וואס מען זעהט זעלטען. - איך דאנק אייביג דעם אייבערשטען, אז אויב איך בין שוין אראפגעקומען אויף דעם עולם, בין איך אראפגעקומען מיט א פאר יאר פריער פון אנדערע, אז איך האב געהאט די זכיה נאך צו קענען צדיקים פונעם פריערדיגען דור.

**ווען** מיר זענען געווען קינדער, האבן מיר געוואוינט אין שכנות פונעם סאטמארער רב זי"ע. ער האט געוואוינט אויף בעדפאר"ד עווני"ו ביי קליימע"ר, און דאס בית המדרש איז געווען ביי בעדפאר"ד און ראס"ס, און אונז האב מיר געוואוינט אינדערמיט, ביי בעדפאר"ד און טעילא"ר. און דער סאטמארער רב איז יעדן טאג, צוויי מאל א טאג, אדורכגעגאנגען אונזער שטוב. ווען ער איז געגאנגען אין בית המדרש, און ווען ער איז אהיימגעגאנגען. איך בין געווען א יונגעל פון זיבן אדער אכט יאר בשעת מיר האבן זיך אהינגעצויגען, און אונז האב מיר דארט געוואוינט ביז איך בין געווען דרייצען אדער פערצן יאר. ארום זיבן יאר וואס עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו זעהן כמעט יעדן טאג.

**נאכדעם** האב איך געלערנט אין חדר אין סאטמאר. דער בית המדרש איז געווען קארנער ראס"ס, און די

חדר איז געווען העכערן בית המדרש. איין שטאק איז געווען די בית המדרש, איין שטאק איז געווען די חדר, און העכער דעם איז געווען א שטאק פאר די ישיבה. אזוי ווי ער פלעגט צו דאווענען שפעט, איז ווען ביי אונז איז אויסגעקומען מיטאג, א שעה וואס מען האט געקענט ארויסגיין פון חדר, האט דער סאטמארער רב געהאלטן ביים סוף פונעם דאווענען. און אונז קינדער האב מיר נישט געהאט אזויפל טאוי"ס ווי עס איז דא היינט פאר קינדער צו שפילען, צו מיר זענען געווען ערנסטער ווי היינטיגע קינדער, און ווען עס איז אויסגעקומען פרייע צייט, זענען מיר אראפגעגאנגען אין בית המדרש, און מיר האבן זיך געדרייט דארט. על פי רוב איז געווען כמעט יעדן טאג א ברית, און ביי די ברית'ן פלעגט דער סאטמארער רב מיטצוהאלטן די סעודה. נאכען ברית איז ער צוריקגעגאנגען אויף זיין פלאץ, און ער האט געענדיגט תהלים מיט חומש רש"י, וואס ער האט יעדן טאג געלערנט א פרשה מיט די ר"ת תפלין, און נאכדעם האט ער זיך אויסגעדרייט. די טיש פון די סעודה איז געווען ממש נעבן אים, און ער פלעגט טועם צו זיין מזונות און א שטיקל פיש. ער איז זייער רואיג געזעסן נאכען דאווענען און געשמועסט, ביי יעדן ברית איז דאך געווען תלמידי חכמים מיט רבנים, און ביי יעדע סעודה איז אלץ ארויפגעקומען א פרישע נושא, וואס מען האט זיך אנגעגרייט וואס מען זאל אים פרעגן, און נאכדעם האט ער געפירט דעם שמועס. כאטש מיר זענען געווען קליינע קינדער, אונטער די בר מצוה, איז געשטאנען א גאנצע רייע פון קינדער, און מיר האבן אויסגעהערט יעדן טאג די שמועסן וואס ער האט גערעדט. אפילו מיר געדענקען נישט גענוג, אבער דאס ביסל וואס מען געדענקט איז אויך גענוג. עס איז אויסגעקומען זייער אסאך מאל וואס מען איז געווען כמעט יעדן טאג צוזאמען. אזוי ווי מיר האבן געוואוינט אין שכנות, האב איך אלץ יונגעל, פון די זיבען אכט יאר, כמעט יעדע וואך מיטגעהאלטן דעם טיש פרייטאג צונאכטס.

**איך** האב געהאט די זכיה אז ער האט מיך צוויי מאל געבענטשט. פאר מיין בר מצוה (בשנת תשכ"א), און פאר מיין חתונה (בשנת תשכ"ז), וואס ער האט ארויפגעלייגט די הענט אויפן קאפ, און געבענטשט. מיין חתונה איז געווען אין מאנטריאל, און איין שבע ברכות איז געווען דא, און ער איז געקומען צו אונז אין שטוב אויף א שבע ברכות. צוויי מאל איז ער געווען ביי אונז אינדערהיים (אצל אביו הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל). ביי מיין שבע ברכות, און ווען מיין ברודער דער סערדאהעלער רב האט געהאט א יונגעל, איז די ברית געווען ביי אונז אין בית המדרש, איז ער אויך געקומען צום ברית אויף סנדקאות. נאכדעם איז ער ארויפגעקומען אין מיין טאטע ז"ל ספרים שטוב, און דארט האט ער געלייגט ר"ת תפלין, און נאכדעם איז ער אראפגעקומען צו די סעודה.

**דעמאלטס** האט ער גערעדט, אז עס איז דא צדיקים וואס זיי האבן זוכה געווען אז זייער תורה איז נתגלה געווארן, און עס איז געבליבן פאר יעדן איינעם, און עס איז דא אזעלכע וואס האבן געשריבן חיבורים, און עס איז קיינמאל נישט געדרוקט געווארן, און עס איז געווען אזעלכע וואס האבן בכלל נישט געשריבן חיבורים. האט ער געזאגט, אז דאס האט צוטון מיט די שורש נשמה פון יעדן איינעם. און ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען וויפיל דברי תורה ער האט שוין געזאגט אין זיין לעבן. יעדן שבת פלעגט ער דרש'נען, פרייטאג צו נאכטס, שבת בייטאג, שלש סעודות, און די דרשות וואס ער האט געזאגט. מיין טאטע ז"ל האט געהאט א לאנגע ספרים שאנק און דער סאטמארער רב האט געזאגט דעמאלטס, אז ווען מען וואלט אויפגעשריבן אלעס וואס ער האט שוין געזאגט, וואלט מען געקענט אנפולן א גאנצע רייע מיט ספרים פון די דברי תורה וואס ער האט שוין געזאגט.

**פורים** בין איך אויך געווען ביים סאטמארער רב, ער פלעגט צו דאווענען שפעט פורים אויך, דאס איז טייטש אז ווען מען האט געענדיגט די מגילה, איז געווען איינס צוויי אזייגער נאכמיטאג. נאכדעם איז ער ארויפגעגאנגען צו זיך אין שטוב און ער האט אויפגענומען דעם עולם, מענטשען זענען אדורכגעגאנגען זיך געזעגענען, און מען האט געברענגט משלוח מנות. פאר נאכטס איז ער אראפגעגאנגען אין בית המדרש, דארט האט ער זיך געוואשען, און ער פלעגט צו טרינקען וויין ביז ער איז געווארן עד דלא ידע, דעמאלטס האט מען אים ארויפגעטראגען אויבן אין שטוב, און מען האט אים אריינגעלייגט אין בעט אינמיטן די סעודה, און ער האט זיך אויסגערוהט, און צען אזייגער פלעגט ער

אראפקומען און ענדיגען די סעודה פאר זיך, און ער האט געבענטשט.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו שיקן משלוח מנות יעדעס יאר, און איך בין געווען דער שליח. און דער סאטמארער רב פלעגט ארויסנעמען פונעם וועסטעל טאש פינף דאלער מיר צו געבן. איך האב אוועקגעלייגט די מטבעות וואס איך האב באקומען דעמאלטס. איך האב נישט געקויפט דערמיט קיין אייזקריעם, איך האב עס אוועקגעלייגט. עס דארף ליגען ביי מיר אינדערהיים.

**איך** דאנק דעם אייבערשטען אז איך האב נאך זוכה געווען צו זעהן דעם פריערדיגען דור, און עס האט איבערגעלאזט א געוואלדיגען רושם אויף שפעטער אויך. ער זאל זיין פאר אונז אלע א מליץ יושר. מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

*

כשישב **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** שבעה על בתו, הגיע **הרה"ק רבי שמעון שלום מאמשינוב זצ"ל** לנחם, והרה"ק מסאטמאר לא דיבר כלום. הרה"ק מאמשינוב היה שלחן ערוך מענטש, וציוה להביא שלחן ערוך יורה דעה, ועיין בו בהלכות אבילות (יו"ד שעו-א) שכתוב שמה שהמנחם לא יתחיל לדבר, על כן המתין שיפתח הרה"ק מסאטמאר בדיבור, אבל הרה"ק מסאטמאר לא דיבר מחמת גודל צערו. אמר הרה"ק מאמשינוב, המקום ינחם אתכם וכו' וקם ממקומו.

**והוסיף רבינו:** דער **סאטמארער רב** האט געהאט דריי טעכטער, און אלע דריי זענען אוועק בחייו. צוויי זענען אוועק נאך אין אייראפע, און איין טאכטער האט ער געהאט דא, זי איז געווען די סעמיהאי'ער רעבעצין, און זי איז אוועק דאהי. זי איז נישט געזונט געווען, און זי איז אוועק תשי"ד. דער סאטמארער רב האט נישט געהאט קיין גרויס שייכות מיט די טאכטער דאהי, און ער האט נישט געוואוסט ווי ווייט זי איז נישט געזונט. ער איז געווען ביי די לויה, און ער האט מספיד געווען, און ער האט געזאגט, אז דוד המלך זאגט אין תהלים (צד-טו) כי עד צדק ישוב משפט. האט ער געזאגט, אז תפלה ווערט אנגערופן צדק, די גמרא (ברכות יד.) דרשנט, צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו (תהלים פה-יד), אז צדק גייט ארויף אויף דאווענען, שמצדיקו לפני קונו. בעפאר מען גייט ארויס צו די געשעפטן, דארף מען קודם דאווענען. צדק לפניו יהלך, קודם דארף מען דאווענען, און נאכדעם וישם לדרך פעמיו, נאכדעם קען מען ארויסגיין.

**האט** ער געזאגט, אז אסאך מאל איז דא וואס עס ווערט נתעורר א דין אויף א מענטש, אז ער זאל אוועקגיין פון די וועלט, און מען האט מורא אין הימל אז מען וועט מתפלל זיין און מען וועט איינרייסן, אז מען וועט נישט קענען אויספירן דעם דין. קומט דער דין פלוצלינג, אז מען זאל נישט האבן קיין צייט אז מען זאל קענען מתפלל זיין. 'כי עד צדק', צדק איז דאך תפלה, ביז מען זאל צוקומען צום דאווענען, איז שוין 'ישוב משפט', איז שוין ארויסגעגאנגען דער משפט, כדי עס זאל נישט זיין קיין צדק, קיין תפלה, וואס מען זאל קענען צוריקהאלטן דעם משפט.

*

**והעיר רבינו:** איך מיין אז עס האט זיך געטוישט היינט די הלכה פון וואס עס איז געווען אמאל, ווייל די מציאות האט זיך געטוישט. ווייל די טעם פארוואס דער אבל דארף קודם רעדן איז, ווייל מען קען נישט מנחם זיין א מענטש נאר ווען ער איז דערביי, ער וויל מקבל זיין תנחומים. תנחומים זאגט מען נישט, ווען יענער איז בצער, און ער האלט נישט ביים מקבל זיין תנחומים. איז ממילאווארט מען ביז דער אבל הייבט אן צו רעדן, וואס דאס איז כאילו ער גיט רשות, ער איז צופרידן אז מען איז אים געקומען מנחם זיין, און מען זאל רעדן צו אים. אז נישט, אפשר איז ער נישט דערביי מקבל צו זיין די תנחומים, וועגן דעם ווארט מען אז ער זאל קודם רעדן.

**וואס** דער פשט דערפון איז, אז אמאל איז מען אריינגעגאנגען צו יענעם אין שטוב. מען האט אריינגעקלאפט, אזוי ווי עס איז אמאל געווען. דער אבל איז געזעסן, און דער אבל האט פארשידענע מאאד"ס, יעצט איז ער דערביי און שפעטער איז ער נישט דערביי, האט מען געדארפטווארטן ביז ער הייבט אן צו רעדן. אבער היינט אז מען שטעלט ארויס א צעטל ביי יעדן אבל, אז דער אבל איז גרייט,

די און די שעה נעמט ער אויף מענטשען, און ער האט אפען זיין טיר, איז דער טייטש אז ער איז מסכים, ווייל אז נישט, פארוואס שטעלט ער ארויס א צעטל אז אין די שעות זיצט ער, און מען קען קומען צו אים. קומט אויס אז עס איז כאילו דער אבל וואלט געזאגט, אז ער איז שטענדיג גרייט מקבל צו זיין תנחומין, איז דעמאלטס דארף מען נישט ווארטן ביז ער רעדט קודם.

**צווייטענס**, אפילו מען וועט זאגען אז מען טאר נישט מנחם זיין ווילאנג דער אבל הייבט נישט אן צו רעדן. מנחם זיין טאר מען נישט, אבער היינט, וואס ווען מען גייט מנחם אבל זיין, רעדט מען ווייניג פון ניחום. מען הייבט אן צו רעדן מעשיות, מען רעדט פון דעם און פון יענעם, על דא ועל הא, מען וויל פשוט אויפלעבן דעם אבל. רעדן פון אנדערע זאכען, ווען מען רעדט נישט פון ניחום אליין, מעג מען זיכער רעדן צו א אבל, אפילו ער האט נישט אנגעהויבן צו רעדן קודם. קומט אויס, אז אפילו דער אבל רעדט נישט, קען מען אנהייבן צו רעדן אנדערע זאכען וואס עס איז נישט נוגע צו די ניחומים אליין, קען מען רעדן צום אבל.

*

פעם הלך **הרה"ק מסאטמאר** עם הגבאי למקוה בסאראטאגא. כשיצא שאל את הגבאי אם שילם מקוה געלט. ענה, לא, משום שאין למי לשלם, והרי אצלם הוא כבוד שהרבי משתמש בהמקוה. אמר לו הרה"ק מסאטמאר, 'אויב עס איז נישט דא א מקוה יוד, באצאלט מען דעם שמש'. טרח לחפש את המשמש, ושילם לו עשרה דאלאר, ואז נחה דעתו של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**.

**והעיר רבינו:** עס איז דא אסאך מאל בחורים וואס גייען אין מקוה, און מען באצאלט נישט קיין מקוה געלט. עס איז נישט אויסגעהאלטן, עס איז יענעמ'ס א זאך, און אויב יענער גיט נישט קיין רשות, זיך משתמש צו זיין נאר אויב מען באצאלט אים, איז פונקט ווי מען גייט אין די גראסערי און מען נעמט א חפץ און מען באצאלט נישט דערפאר. מען דארף אכט געבן, אז ווען מען נוצט עפעס א זאך, אז מען זאל באצאלען דערפאר.

*

סיפר הרה"ג רבי יעקב פרץ פרידמאן ז"ל, פעם הייתי אצל **הרה"ק רבי מענדעלע מסטראפקוב זצ"ל**. בעת עריכת השלחן עשה תנועות, ושאל אותו **הגאון רבי יונתן שטייף זצ"ל** שהיה שם, אם יש לו כוונות בתנועותיו. ענה, לא, אבל **הרה"ק מסאטמאר** יש לו כוונה בכל תנועה.

**והעיר רבינו:** דער **סאטמארער רב** האט נישט געמאכט קיין תנועות. זייער זעלטן וואס מען האט אים געזעהן עפעס מאכען תנועות מיט די הענט, אויסער ווען ער האט געלייגט תפילין. יעדן טאג ביים תפילין לייגען איז געווען מיט די הענט, אויפגעהויבן די קאפל, און אראפגעווארפן די קאפל, און נאכאמאל געמאכט מיט די הענט, און אויפגעהויבן די קאפל. עס איז זייער אינטערעסאנט געווען די וועג ווי אזוי ער האט געלייגט די תפילין.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**